העפטל 8 3 פענס

# ערב פרילינג

א. נ. שטענצל

לאָנדאָן־ווייטשעפּל מערץ 1941

---

## מ ע ר ץ

פאַר׳ן פענצטער דער צעשטרעקטער בוים
אַזוי בולט מיט זיינע שוואַרצע צווייגן, —
עפּעס מוז ער אַהנען, עפּעס מוז ער פילן,
נאָר ער וואָרצלט אַזוי טיף מיט זיין שווייגן.

אויפ׳ן הימל דאָס פאַמעליכדיקע וואָלקנדל,
מיט יעדן שריט ווי ס׳וואָלט זיך צוריקגעהאַלטן!
עפּעס אַ סוד האַלט עס אין איין פאַררויטלען,
צו קענען נאָר אים טיף אין זיך אויסבאַהאַלטן.

די פרישע לופטעלאַך, בלויליכע פאַרשייטע,
יעדן איינעם זיי וואָלטן דעם וועג פאַרלאָפן!
דאַכט זיך נישט אויסעט זיי שעפּטשן עפּעס צו,
אָבער וואָס, ווען — — האָט ווער שוין געטראָפן?

ווי ס׳צעשטרעקט זיך דאָס אין האַרץ אַזוי בולט שוואַרץ,
און די אַנונגען ווי צעשעפּטשעט זיי זענען — —
ס׳וואָלט אַזוי סודות׳דיק אין איינעם געוואָרן,
ווען מ׳וואָלט עס נאָר אין זיך באַהאַלטן קענען —

— — — — — — — — — — — — —

## שניי-גלעקל און קראָקאָס

צופוסנס פון אַ צעשטרעקטן, אַ ברייטן דעמב,
פון זיינע צעקוואָלענע וואָרצלען אַרויס,
די שניי־גלעקעלאַך פרישינקע, יונגינקע,
פון אַן ערשט ווינטעלע אַוועק צובלאָזן בלויז —

טרערעלעך אַזעלכע, פאַראייזטע, פאַרשנייטע,
פאַרלוירענע פון וועמען זיי וואָלטן געווען,
וואָלט מען דאָס זילבעריק־צאַרטע, דאָס גרינליכע,
פון די דינינקע שטענגעלאַך נישט מיט־דערזען.

מיט זיינע שלאַנקע, זיינע ווייכינקע בלעטעלאַך,
דער קראָקאָס דורך האַרטער, דורך שוואַרצער ערד,
אַזוי ליטיק־גאָלדיק, אַזוי זוניק־זיידיק — —
ווער קאָן עס דען פאַרשטיין ווי אַזוי דאָס־אַ ווערט?

נישט זומער־פייגעלאַך, נישט זשומענדיקע בין —
מיין פלאַטערדיקער שוואַרץ־אַפּעל אַהין און צוריק!
און נישט פייכט פון פינקעלדיק פאַלענדיקן טוי —
ס'איבערגייט זעעוודיק־וואַרעם, וויאיקער בליק —

— — — — — — — — — — — —

## קנאָספּען

אויף די צווייגן די פאַרוויקלטע פּאַנטשקעלאַך,
פונקט ווי לעבעדיקס פון אייער־שאָלן אַרויס!
און אין לופט, דאָס וואַרעמע צעאָטעמטע,
מיט זייערע שנעבעלאַך זיי עטעמען'ס אַרויס.

באַלד וועט עס מאַמעלעדיק קומען געפלויגן,
מיט פּיטשיק־ברעקעלע אין פּיסקעלע אַריין,
און די בלוילעך־שטילע לופט וועט אויפציטערן,
מיט אַזאַ ערשט־געבוירן פּישטשענדיק געוויין —

פול איז עס מיט אַזאַ בלויליכס, אַזאַ צעשוועבטס,
ווי מיט פליגעלאַך זיך צו געבן אַ צעשפּרייט!
נישט מיט בליק, מיט בלויזן, איז עס צו דערכאַפּן,
און נישט מיט'ן געדאַנק צו פאַרשטיין דעם באַדייט.

און אין אייגענעם האַרץ, ווי עס רייסט זיך אין אים!
עפּעס וויל אַרויס פון דאָרט אויף ליכטיקער שיין — —
איז עס מיט לעבעדיקס, מיט פריש צעקנאָספּענדיקס,
אָדער אויפפלאַצן מיט שטיל־פאַרוויקלט געוויין?

## צווייט

קאָן מען דען פאַרווערן ביימער זאָלן קנאָספּען,
צי אַז די זון זאָל פרילינגדיק אויפשיינען?
אַזוי איז עס אויך מיט דער בליענדיקער פרייד
אין ציטער פון איינגעהאַלטענע געוויינען.

וואָס זענען דען אַלע צרות, אַלע פּיינען,
ווען מען ווייסט פאַרוואָס זיי ווערן דערטראָגן —
אַזאַ פריידיק אויפטייען אין יעטוועדן זיפץ,
ווערט ער צעביסן אין פאַרשוויגן נישט־דערזאָגן.

פול איז די לופט מיט אַזאַ אַנענדיק נאָגן,
מיט'ן פלאַטער פון פייגל פאַר'ן אָנקומען —
וואָלט נאָר דאָס בייזע געקראַ ווי פון שוואַרצע ראָבן
געקאָנט נאָר איבער אונזערע קעפּ פאַרשטומען!

קאָן מען דען פאַרווערן דאָס בליִען פון בלומען,
פון אונטער דער ערד זייער זיך אַרויסרייסן?
אַזוי אויך די פרייד פון פאַרפינצטערטע הערצער,
ווען זייער פּיין אונטער ליפּן זיך פאַרבייסן —

— — — — — — — — — — — —

## צו א דעמב אין מערץ

שטייף און פעסט און רואיק אַזוי
שוואַרץ צושטרעקט צום הימל אַרויף,
און מיט זיין שווערן צעמוסקלטען שטאַם
אין דער טיפעניש מיט וואָרצל־געשרויף;

האָבן קרירות צעשניטן זיין קאָרע,
וועט זון רונצלען זיין יעטוועדן פאַלט!
וואָרים נישט דאָס סענקיגע קנאַקיקע —
ס'איז זיין וואָגיק, זיין שטאַמיק געשטאַלט.

מעכטיק און רואיק און זיכער אַזוי,
פון זיין אָרט זיך נישט צו רירען אַוועק,
ס'איז דער גאַנצער ליכטיקער אַרום
דער פאָן בלויז פאַר זיין ברייטן צעשטרעק.

ווי ס'האָט שטורם זיינע בלעטער צעיאָגט,
וועלן ווינטען צעבלאָזן זיין געבליט!
אָבער נישט בלאַט, נישט צווייט, נישט פרוכט צומאָל —
ס'איז זיין שטאַמיק, זיין רואיק געמיט.

## ביים באשניידן די בוימער

עס איז דאָך אַז זיי זאָלן בעסער זיך צעוואַקסן,
ביי די ביימער דאָס באַשניידן פון זייערע צווייגן,
ס'זאָל גענוג זיין זייערע פּירות צו זעטיקן
די זאַפטן וואָס מיט זייערע וואָרצלען זיי זייגן —

אַז ס'זאָל נישט שפּעטער חלילה איינברעכן דער שטאָם
אונטער די אויסגעטראָגענע שווערע צייטיקייטן!
יאָ, וואָס שיטערער די צווייגן, די וואָרצלען דעמאָלט
זיי פאַרשפּרייטן זיך אין די טיפסטע ווייטקייטן —

אַזוי איז עס דאָך מסתמא אויך איצטער מיט אונז,
מיט אונזער חלילהדיקן פאַרשניטן ווערן!
אַז מיט די זאַפטן פון אונזער פאַרגאָסענעם בלוט
אונזער צייטיקן צו דערנערן און צו פאַרמערן.

אַזוי רויט־צעטריפטע שטייען דיביימער מיט זון,
און פון יעדן שניט — אויסגעגלייכטער געזונטער !
נאָר אין האַרצן ס׳גיט אַזאַ ווייאיקער צאַפּל,
פון יעדן פאַרשניטן צווייגל וואָס פאַלט אַרונטער —

— — — — — — — — — — —

## בלומען-בייטן

וואָס זיינען דען אַלע בלומען אַנטקעגן יענע,
געברענגטע, אויף אַ נאָענטן־קבר זיי צו לייגן,
דאָס האַרץ דעמאָלט אַזאַ געשלאָסענער קנאָספּ
נישט אויסצוהאַלטן מער פון אַזוי פיל שווייגן —

אַליין אַזאַ טולפּ, אַ סודותדיק צעאָטעמטער,
פון געוואַלטיקן ווייטאָק אויפגעבראָכן צו ווערן!
הענגען־געבליבענע טוי־טראָפּן אַזעלכע
אויף די וויעס די פינקלדיקע טרערן — — —

אָ, די אַלע אויפגעגאַנגענע בלומען־בייטן,
דעם שלל פון כל־ערליי ליכטיקע קאָלירן
ס׳האָט אַ נאָנטסטער אַזאַ געברענגט זיי צעטראָגן
אונזער טרויער איצט מיט אונז מיט צו שפּירן —

— — — — — — — — — — — —

## ט ו י ב ן . . .

.1

דער וואַקלדיקער, דער גאַנג פון די טויבן,
אין דעם אויפשפּראָצעדיקן, דעם פרישן גרין,
זייער בנעימותדיק, זייער אַהער און אַהין,
מיט די דזשוביקלעך עפּעס אויפצוקלויבן.

ווי מיט זון־געפלימער צעפראַלטע שויבן,
פון זייערע פליגל דער פריידיקער צעפּאָך!
אָבער עפּעס גיט עס אין האַרצן אַזאַ טיאָך:
איז עס פון אימה דאָס פאַנאַנדערשטויבן,

דאָס כסדר צום הימל זיך אויפהויבן
צו וועלן אַנטרינען פון טויט און פון פאַרקום?
אָ, דאָס וואָרקנדיקע תפילהדיקע געברום,
פול מיט וואַקלדיקן שטאַמלדיקן גלויבן — — —

אָבער דאָס פריידיקע קרייזן זייערס אויבן,
צעפלימערט אַזוי מיט שאָטן און זון־שיין !
ווי קאָן עס דען עפּעס אַנדערש דען זיין,
ווי פון הימלישע, פון פליגעלעך אַזאַ לויבן — — —

דער שפּאַרבער

.2

עס האָבן די טויבן זייער צייכן,
ווען רויבעריש דער שפּאַרבער קומט אָן,
אין שווערן געפלאַטער פון זיינע פליגלען
זיי דערשפּירן זיין ווילדן שגעון —

פון זיין אכזריות׳דיקן בליק די לופט
טרייסלט אויף, ווי אַ האַרץ ווען ס׳איז בייז!
נישט זיי צעפלאָשן, נישט זיי צעפליען,
ענגער און פעסטער ס׳ווערט זייער געקרייז.

שרויפט זיך דער שפּאַרבער אַלץ טיפער, טיפער,
די טויבן־טשאַטע — אַלץ העכער אַרויף!
צווישן זיינע גראַטשעס, זיינע שאַרפע
צאַפּלט פאַרבלוטיקט אַ טייבעלע אויף —

וואָלט עס מיט אין ענגען געקרייז געווען,
און נישט אַליין געבליבן אין זיין שרעק,
ס׳וואָלט דער שפּאַרבער פאַרביסן און בייז,
מיט זיין אייגענעם לעבן קוים אַוועק — — —

דער אדלער

.3

און אַז דער אָדלער באַווייזט זיך פון זיין פעלז,
מאַיעסטעטיש־ווונדערליך אין זיין געקרייז,
עס ציטערט דער שפּאַרבער אין זיין שפּאַלט —
צווישן גראַטשעס אַ בלוטיק שטיק שפּייז!

צווישן פינצטערע פליגל באַהאַלט ער זיין קאָפּ,
נישט נאָר פון פחד — פון נכפה׳דיקער שאַנד!
ווי מאַיעסטעטיש־ווונדערליך, ווי מילד
איז אָדלער־געפלי אַרום פעלזיקער וואַנד —

די שווערע פליגל פלאַטערן אַזוי שלאַנק,
דער גאַנצער אַרום קרייזט־מיט מיט אים איצט!
אָפּפלוס און צופלוס — זיין יעדער באַוועג!
פון זיין אויג — דער ברויזענדיקער ים צעבליצט —

— — — — — — — — — — — —

און דאָס טויבן־וואָרקן ווערט נאָך ליבליכער
דערזעענדיק געוואַלטיקן אָדלער־בליק,
און דאָס מאַיעסטעטיש־ווונדערליכע
אין זיין שטילן געקרייז אַהין און צוריק.

# ערב-פרילינג וואַלקנדלעך

1.

ווי ס׳לייטערט זיך דאָס דער הימל אַלץ קלאָרער —
אַ שויב וואָס ווערט מיט אַ וואַרמען הויך ריינגעווישט!
און אין לופט, דאָס בלויליכע, דאָס צעאָטעמטע,
טאַקע פון יענעם הויך אויבן קומט עס דען נישט?

אַ פאַרחלשט פייגעלע, אַ טויט־געפרוירנ׳ס,
פון וואַרעמען אָטעמען צוריק לעבעדיק ס׳ווערט,
ס׳פּוכיקע בייכל באַוועגט ווייך זיינע זייטלעך — —
זעט אויס דאָס וואָלקנדל־אָ, שיינענדיק אויפגעקלערט.

ווי ס׳לייטערט זיך דאָס דער הימל אַלץ ריינער,
מיין געדאַנק נאָר בלייבט גרוי־מטושטש צעמישט!
מיט דיין וואַרעמען אָטעם, מיט אַ גלעט פון דיין האַנט
אפשר וואָלטסט אים אַזוי הימליש קלאָר מיר געווישט.

ווי ס׳ציטערט דאָס, ווי ס׳שיט זיך דאָס אויף טונקלער וואַנט
דער קאַלט אויפשימערנדיקער זונען־געשטויב — —
און דער צעקנאָספּעטער בוים פאַר מיין פענצטער,
ס׳וואָלט פראָסט אים גאָר געמאָלן אויף דער שויב.

2.

דער שוידערנדיקער גערונצל איבער מיין לייב,
דער גליווער אין מיין האַרץ אַזוי קאַלט אויפגעשוימט,
ווער ווייסט פון ווו די וואָלקנדל־שטיקלעך ציען,
וואָס זייערע רענדער זיינען אַזוי בלוטיק באַזוימט.

זיינען זיי נישט די זעלבע, די פאַריאָריקע,
מיט וועלכע איך האָב מיך אַזוי שפּילן געקענט,
אַלצדינג פון זיי מאַכן וואָס נאָר כ׳האָב געוואָלט, —
וואָס געוואָלט ס׳האָבן דיינע בענקנדיקע הענט!

יעדן טונקלען געדאַנק מיר אַזוי קלאָר אויסגעגלעט,
דעם גאַנצן אַרום אַזוי הימליש פאַרטרוימט,
און איצט וואָס קאָן מען דען מאַכן פון די וואָלקנדלעך,
זיי־ערע רענדער זיינען דאָך אַזוי בלוטיק באַזוימט.

אפשר איז הימל אַ ריינגעווישטער שפּיגל גאָר,
אין אים שפּיגלט זיך אָפּ אַלץ וואָס טוט זיך אויף ערד!
אָ, ווי דעם מערב איבערגיסט דאָס אַזאַ רויט׳ס,
אַז דער גאַנצער הימל איבערפלייץ אַזש ווערט.

3.

ווי די פייגל וואָס וועלן צו אונז באַלד אָנקומען,
שוועבן די וואָלקנדל־פּיצלעך ווייט־ווו אַוועק,
ווי יענע דאָרט פאַרזאַמלען זיך איצט מיט פרייד,
זאַמלען זיי זיך איבער אונזערע קעפּ דאָ מיט שרעק.

איין פינסטערע כמאַרע, אַ שוואַרץ־צעשטרעקטע,
ערגעץ־ווו זיך אויסצוגיסן מיט אונזער געוויין,
און ווי מיר דאָ, דאָס פלאַטערדיקע פרייד־געטשוויטשער,
וועט מען דאָרטן אונזער פינסטערן צער נישט פאַרשטיין.

וואָלט איין מענטש דעם צווייטן באַגרייפן כאָטש געקענט,
איינע־ פאַר׳ן אַנדערן אויסגיסן זיין פול האַרץ!
אָ, ווי די גאָלדן באַזוימטע וואָלקנדל־פּיצלעך
זאַמלען זיך דאָס איבער מיין קאָפּ אַזוי שוואַרץ —

— — — — — — — — — — — — —

איז דען נישט דער בוים דרויסן פאַרן פענסטער
אַ טויטן־קראַנץ אַזאַ מיט זיין פאַרפלאָכטענעם געצווייג,
און ווי פון אויבן ס׳וואָלט הענט שוין געשטרעקט זיך נאָך אים,
אַזוי אבלדיק און אַזוי הכנעהדיק מיט גענייג.

4.

דאָס צאַרטע, דאָס גלעטנדיקע פון דיין קילן בליק,
דאָס געלייטערטע בלויע אַזוי בלאַנקנדיק ריין,
די טונקלקייט איבער מיין קאָפּ צו מאַכן מיר גוט,
און אין דיינע הענט צו צערינען ווי געוויין.

אָבער קאָן דען אַ געדאַנק, ווי קלאָר ער זאָל נישט זיין,
באַגרייפן נאָר בלויז דאָס־אָ וואָס ס׳טוט זיך אַצינד?
אָ, יענער וואָלקן מיט רויט־פּאַטשיילכל איבער קאָפּ,
איז עס נישט אַ מאַמע מיט איר אויסגייענדיק קינד —

מיט זיינע ביידע אויגן אויסגעשאָסענע בלינד,
וואַקלט אַ מענטש אין אַ בלוט־פאַרנעצטן פאַרבאַנד,
און ווי גוט ס׳זאָל נישט זיין דאָס געגלעט פון דיין בליק,
אַרום מיין קאָפּ טאַפּט זיך אַ בלינדער ביי אַ וואַנט!

אָ, מיט קלאָרסטן, מיט געלייטערטסטן פאַרשטאַנד
דאָס־אָ וואָס ס׳טוט זיך אַצינד ווער קאָן עס פאַרשטיין,
— — — — — — — — — — — — —

און אַז מיין האַרץ וועט זיך אויפעפענען פאַר דיר,
דיין בליק, ווי לויטער־בלאַנק — ר׳וועט טרויעריק־טריב נאָר איבערגיין.

5.

ווי די ציענדיקע וואָלקנדל־פּיצעלעך,
אָט רייסן זיי זיך, אָט באַהעפטן זיי זיך צוריק,
אַזוי זיינען מיינע געדאַנקען, אַזוי מיין האַרץ,
אין יעדן טיילכל־פּיצעלע פון אַן אויגנבליק.

איז עס אַ שפּיל אַזאַ, אָדער אַזאַ בייזער קאַמף,
וואָס נישט איך, וואָס נישט דו ווייסן עפּעס דערפון,
פּונקט ווי די וואָלקנדלעך אין זייער פאַרגילדיקט זיין,
אָדער אין פאַרבלוטיקן קייגנאיבער דער זון —

ווי זיי יאָגן זיך איבער, בלייבן הינטערשטעליג,
נאָר די געלייטערטע זון אין איר אייביקן גאַנג!—
אַזוי איך, אַזוי דו, נאָר אייביק מיר זיינען,
ווען איינער צום צווייטן אין בענקנדיקן פאַרלאַנג.

— — — — — — — — — — — —

אָ, ווי דעם מערב איבערגיסט דאָס אַזאַ רויטס,
אַז דער גאַנצער הימל איבערפליייצט אַזש ווערט!
פון אַלע וואָלקנדל־פּיצעלעך, באַהאַפטענע,
איין געוואַלטיקע כמאַרע און די זון זי פאַרצערט.

6.

ווי אויף פינסטערן הימל, אין אין־סופיקן שוואַרץ,
אַן אָפּגעריסן וואָלקנדל פאַרלוירן אין דער נאַכט,
צו צערינען און אויפצוהערן מיט יעדן שוועב,
אַזוי איז צעריסענער געדאַנק פול מיט פאַרדאַכט —

אַזוי דאָס נישט פאַרטרויען איינער דעם אַנדערן,
פינסטער צו צערינען מיט שווערער בלוטיקער מי!
ס׳איז גאַנצע וועלט אַ פאַרלוירן וואָלקנדל אַזוינס — —
אָ, איבער אונזער פאַרוואָס און פאַר ווען און פאַר ווי!

אָ, איבער יעדן פאַרבלאַסטן פאַרבלייכעניש אַצינד
צו פאַרבלוטיקטן, צו שאַריענדיקן אויפגלי — —
אָבער איז דען נישט וואָרער, פון לויטערסטן געדאַנק,
פאַר פענצטער דאָס בוימל אין זיין הערליכן געבלי?

— — — — — — — — — — — —

פון ווייט־ווו ווייעט עס ווי וואַכיקער ציטער
ווי פון צאַרט־צעשטרעקטע, ווי פון גלעטנדיקע הענט,
און ס׳לויטערט זיך אַזוי און ס׳גייט ליכטיק אַזוי אויף,
ווי אויפגעקלערט וואָלקנדל אין שאַריען־געבלענד.